בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם

## רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פַאר עֶלְטֶערְן, מְחַנְּכִים און מְחַנְכוֹת, פון זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן.

פוּל מִיט חִיזוּק און עֵצוֹת ווי אַזוֹי אַרַיין צו בְּרֶענְגֶען אִין די קִינְדֶער אַ גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט, זֵיי זָאלְן וויסְן אַז 'אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין', און וֶוער עֶס גֵייט אִין די וֶועגְן פון די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט אַ זִיסֶע לֶעבְּן אוֹיף די וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

צוּם סוֹף פוּנֶעם קוּנְטְרֵס וֶוערְט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט קוּרְצֶע 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת' וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מְחַנְכוֹת.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף די וֶוערְטֶער פון הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף די וֶוערְטֶער פון זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף די וֶוערְטֶער פון זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין די גַאנְצֶע וֶועלְט

### כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהַרְאַ"שׁ זי"ע

און עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלַאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פון תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, און מַאֲמָרִים פון די הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פון גְמָרָא און מִדְרָשִׁים און הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן לַ"ג בָּעוֹמֶר שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווילְיַאמְסְבּוּרְג יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין

## וֶוען מֶען רֶעדְט פּוֹעֶלְ'ט מֶען

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אַסַאךְ אִין דִי בְּרִיוְון וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ז, ז): "שֶׁאֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא הַמְּחֻזָּקִין", דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְפְן דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק פַאר אַנְדֶערֶע; מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל רוֹב מָאל וֶוען מֶען אַרְבֶּעט מִיט מֶענְטְשְׁן זֶעט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דִי תּוֹצָאוֹת דֶערְפוּן, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶס אִיז סְתַּם אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן צַייט, מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: 'וֶוען מֶען רֶעדְט, פּוֹעֶלְ'ט מֶען'. מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי תּוֹצָאוֹת פוּן דִי הָארָאַוואנְיֶע, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִיךְ

אוֹיפְוֶועקְן אִין דִי קִינְדֶער דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן דִי שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, און דָאס וֶועט טוֹישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ.

## אַ פָּאלִיצֵיי אָפִיצִיר

פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ בָּחוּר אוֹיפְ׳ן גַאס, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָא אִין אַ הֵיימִישֶׁע חֶדֶר, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ פָּאלִיצֵיי אָפִיצִיר; עֶר גֵייט נָאךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע קַאפְּל אוֹיפְ׳ן קָאפּ, זָאגְט עֶר מִיר: ״פוּן אַלֶע מְלַמְדִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעדֶענְק אִיךְ גָארְנִישְׁט, חוּץ פוּן אֵיין מְלַמֵד וָואס פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס בַּאגְלֵייט מִיר און דָאס מַאכְט מִיר לֵייגְן תְּפִילִין און הִיטְן שַׁבָּת, מֶער פוּן דֶעם גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט״. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי זָאג עֶס פַאר דַיין מְלַמֵד״, דֶער מְלַמֵד זָאל וִויסְן וָואס אִיז וִויכְטִיג וָואס בְּלַייבְּט יָארְן שְׁפֶּעטֶער פוּן זַיין אַרְבֶּעט.

דֶער מְלַמֵד וֶוען עֶר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, עֶר קֶען נִישְׁט חָלוֹמְ׳ען וָואס וֶועט גֶעשֶׁען מִיט דִי וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער, פַאר וֶועם עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס, אִין וֶועמֶענְ׳ס קָאפּ וֶועט דָאס אַרַיינְגֵיין, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער הֶערְט אוֹיס, וֶוער

הערט נישט אויס, ווען מען אינטערעסירט עס יא, ווען אינטערעסירט עס נישט, דער מלמד וואלט אין וויסטן חלום נישט געקענט טראכטן, ׳איין טאג וועט א בחור אפלאזן אידישקייט און ווערן א פאליצייאפיציר און די מעשיות וואס ער האט אים דערציילט אין חדר - דאס וועט אים צוריק ברענגען און אים מאכן ער זאל בלייבן א איד׳.

## אלע קינדער הערן אויס וואס מען רעדט

עס איז זייער שווער צו ארבעטן מיט קינדער ווייל מען זעט נישט וואו די ארבעט גייט, מען זעט נישט ׳וואס פאסירט מיט מיינע כחות׳, ׳וואס געשעט מיט מיינע שיעורים?׳ ׳וואו גייען מיינע דרשות?׳ מען זעט נישט גלייך וואס מען טוט אויף; עס קען זיך דאכטן פאר׳ן לערערין אויף א געוויסע מיידל אז זי איז די בעסטע מיידל, זי הערט אויס און אויף א צווייטע מיידל אז יענע הערט נישט אויס, אבער עס איז נישט ריכטיג, ביידע הערן אויס; יעדע גוט ווארט וואס מען געבט פאר א קינד, יעדע שיינע שמועס וואס מען שמועסט מיט די קינדער פונעם אייבערשטן, פון אמונה, פון מדות, פון צניעות, פון גיין אנגעטון איידל, פון כיבוד אב ואם, פון נישט ווייטון א צווייטן, פון זיין צופרידן, הערן אלע

אוֹיס; יֶעדֶעס מֵיידְל וָואס זִיצְט אִין קְלַאס הֶערְט אוֹיס, נָאר עֶס זֶענֶען דָא וָואס טוֹישְׁן זִיךְ גְלַייךְ אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס כַאפְּן עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; אַסַאךְ מָאל מֵיינְט אַ מַאמֶע: 'אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן דֶער קִינְד הֶערְט נִישְׁט', דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, דָאס קִינְד הֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט; אַ קִינְד הֶערְט אֲפִילוּ וֶוען זִי קֶען נָאכְנִישְׁט רֶעדְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַאמֶעס פוּן תְּנָאִים וָואס הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶר קְלֵיין קִינְד מִיטְ'ן וִויג אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וואוּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז דָאס קִינְד זָאל הֶערְן וִוי מֶען לֶערְנְט, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען (יְרוּשַׁלְמִי יְבָמוֹת א, ו) דִי מַאמֶע פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָ' פְלֶעגְט אִים טְרָאגְן אִין שׁוּל וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעלֶעגְן אִינֶעם וִויגְל עֶר זָאל הֶערְן וִוי מֶען לֶערְנְט; מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין, וָואס קֶען שׁוֹין אַ קְלֵיין קִינְד פַארְשְׁטֵיין? דָאס קִינְד קֶען דֶען הֶערְן? דֶער קִינְד אִיז דָאךְ קְלֵיין, נָאר פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַ קִינְד הֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט, דָאס קִינְד קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, דָאךְ הֶערְן זֵיי אַלֶעס, אוּן אַוַדַאי עֶרְוַואקְסֶענֶע קִינְדֶער וָואס עֶס

זעט אויס ווי זיי הערן זיך נישט צו, הערן זיי אלעס און עס וועט זיי העלפן אין לעבן.

## זיך אנגרייטן וואס מען גייט רעדן אין כתה

איך בעט ענק זייער, גרייטס אן די לימודים פון פאראויס, א לערערין מוז זיין אנגעגרייט אנהייב וואך וואס זי גייט לערנען יעדן טאג מיט די קינדער; צום ביישפיל די לערערין וואס לערנט אויס עברי דארף זיין אנגעגרייט וויפיל עברי מען גייט אנקומען די וואך, די לערערין וואס לערנט פרשה דארף זיך אנגרייטן פון וואס זי גייט רעדן די וואך, מען קען נישט לערנען מיט די קינדער ווען מען איז נישט אנגעגרייט.

היינט איז זייער גרינג זיך פארצוקוקן די פרשה; עס איז דא טעיפס פון מלמדים וואס לייגן אראפ די פרשה הערליך שיין מיט אלע מדרשים. מען קען דאס אויסהערן און ארויסנעמען דערפון וואס מען גייט רעדן, און צעטיילן די פרשה פאר די וואך.

די וואך איז פרשת וירא, האבן מיר א שיינע פרשה מיט הערליכע שיינע מעשיות; די מעשה פון סדום, די עקדה און אזוי ווייטער. מען קען דאס איינטיילן אין א סדר, איין טאג רעדט מען פון אכטונג געבן אויף א צווייטן; מען דערציילט וואס מען האט געטון אין סדום, מען האט

נישט געלאָזט געבן צדקה, מען האָט זיך נישט געמעגט איינטיילן מיט די ריסעס, מען האָט נישט געמעגט געבן פאר א צווייטן, ווער עס האָט עפּעס געגעבן פאַר אַ צווייטן האט מען אַרויס געוואָרפן פון שטאט; דערנאָך די מעשה פון אבימלך; די מעשה פון די עקידה; די מעשה פון יצחק׳ס געבורט; אַזעלכע שיינע מעשיות, אָבער דאס צו קענען איבערגעבן דאַרף מען זיין אָנגעגרייט פון אָנהייב וואך, מען קען נישט סתם אַריינקומען אין קלאַס אָן וויסן קלאָר פון פאָראויס וואס מען גייט לערנען יענעם טאָג.

## ראַטעווען אַ מענטש

ווען אַ לערערין זעט אַ קינד איז נישט פריילאך, דאָס גייט אַזוי אָן איין טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, – קען זי נישט אַהיים גיין אָן זיך וואוּסנדיג מאכן דערפון, בפרט ביי די עלטערע מיידלעך; אַז מען זעט אַ קינד איז נישט צופרידן, דאַרף מען וויסן עפּעס גייט דא פאָר. די לערערין דאַרף איר רופן אין אַ זייט, אפשר וועט זי זיך עפענען פאַר איר, אפשר וועט זי איר דערציילן אַז זי גייט אַריבער אַ שוועריקייט; מען קען דורך דעם אַמאָל ראַטעווען אַ מענטש, פשוט ראַטעווען אַ מענטשן׳ס לעבן.

## פַאַרְוָואס נֶעמְט עֶר דִי אוּמְרֵיינֶע וַואסֶער?

מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי תַּלְמִידוֹת; מֶען זָאגְט זֵיי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער; מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט. דָאס אִיז דֶער עִיקָר, רֶעדְן אַסַאך פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "וָואס גֶעבְּט 'בְּרֶסְלֶב'? וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן 'בְּרֶסְלֶב' אוּן אַנְדֶערֶע חַסִידוּת'עֶר?" וֶועט אֵיינֶער זָאגְן, בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מִיר אוֹיס 'לֶערְנֶען' - דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וָואר, וַוייל אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער לֶערְנְט מֶען דֶען נִישְׁט? בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מִיר אוֹיס 'דַאוֶוענֶען' – אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער דַאוֶוענְט מֶען דֶען נִישְׁט? בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מִיר אוֹיס 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' – אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז נִישְׁטָא קֵיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם? וָואס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק, מִיט וָואס אִיז דֶער רֶבִּי אַנְדֶערְשׁ? - דֶער חִילוּק אִיז אַז דֶער רֶבִּי מַאכְט דָאס אַלֶעס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, עֶר מַאכְט מֶען זָאל 'וֶועלְן' דַאוֶוענֶען, מֶען זָאל 'וֶועלְן' לֶערְנֶען.

אִיךְ וֶועל אָנְכַאפְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל, 'צְנִיעוּת'; דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּקְן אָן צְנִיעוּת וִוי נִישְׁט קֵיין שֵׁיינֶע זַאךְ, דָאס קוּמְט וַוייל זִי הָאט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ פוּן צְנִיעוּת נִישְׁט

אויפ׳ן ריכטיגן וועג, דאס מאכט זי זאל וועלן אוועק לויפן דערפון. דאס איז אזוי ווי א מענטש וואס האט פאר זיך צו טרינקען פיינע וואסער און אומריינע וואסער, און וועלט אויס די אומריינע וואסער, פארוואס נעמט ער די אומריינע? עס מוז זיין אז עפעס האט ער געליטן פון די גוטע וואסער, מען האט אים געפייניגט צו טרינקען גוטע וואסער, דערפאר וויל ער יעצט לויפן צו אנדערע זאכן וואס זענען נישט גוט.

## איך דארף נישט קיין גן עדן

דעם רבינ׳ס וועג איז צו ווייזן אז די תורה איז שיין, עס איז גוט צו זיין א איד, עס איז גוט צו לעבן מיט׳ן אייבערשטן. עס איז שיין צו גיין איידל אנגעטון; נישט אז מען מוז גיין אנגעטון צניעות׳דיג ווייל אויב נישט וועט מען פלאקערן אין גיהנם, איך גיי אנגעטון איידל נישט ווייל איך דארף גן עדן, איך דארף נישט קיין גן עדן, איך דארף נישט קיין גיהנם, איך גיי אנגעטון צניעות׳דיג ווייל דאס איז שיין, וואס דער אייבערשטער זאגט - דאס איז שיין.

אזוי אויך ביי אינגלעך; איך גיי מיט פיאות, ווייל פיאות איז שיין דער אייבערשטער זאגט מען זאל גיין אזוי, איך דארף נישט קיין גן עדן פאר מיין פיאות, דאס

אִיז מַיין גַן עֵדֶן – אַז אִיךְ גֵיי וְוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וְויל.

## יְסוּרִים פוּנֶעם קְלִיפּ

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין', אוּן דָאס וָואס קוּקְט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן שֵׁיין מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז טַאקֶע שֵׁיין. אֵיינֶער הָאט זִיךְ לֶעצְטְנְס אוֹיסְגֶעֶרעדְט צוּ מִיר: "אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אַ קְלִיפּ פוּן אַ חֲתוּנָה אוּן אִיךְ הָאבּ יְסוּרִים פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם קְלִיפּ פוּן חָתָן כַּלָה וואוּ זֵיי וַוייזְן זֵייעֶר לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ'", הָאבּ אִיךְ יֶענֶעם גֶעזָאגְט: צוּפֶעלִיג קֶען אִיךְ דֶעם חָתָן פוּן יֶענֶע חֲתוּנָה, עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם סֻכּוֹת אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט עֶר וְויל זִיךְ גֶטְ'ן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אִיר, זִי וְויל נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; נֶעבֶּעךְ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן קְלִיפְּס אוּן מֵיינֶען 'דֶער לֶעבְּן' אִיז בַּיי יֶענֶעם, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּקְן דִי זַאכְן; דֶער קְלִיפּ אִיז פוּנְקְט גֶענוּג צוּ מַאכְן בּוֹיךְ וֵויי פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן עֶס, זֵיי זָאלְן טְרַאכְטְן 'יֶענֶער' הָאט אַ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן 'אִיךְ' הָאבּ נִישְׁט קַיין לֶעבְּן...; עֶס דַאכְט זִיךְ אַז בַּיי יֶענֶעם וָואס גֵייט אָן אַ בָּארְד אוּן דִי פְּרוֹי טְרָאגְט אֵייגֶענֶע הָאר – בַּיי זֵיי אִיז דָא עֶכְטֶע לִיבְּשַׁאפְט,

אִין דִי צַייט וָואס דָאס אִיז בְּלוֹיז אַ לִיגְנְט, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, יֶענֶע פִינְף מִינוּט בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם קְלִיפּ הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי זֵיי הָאבְּן אַ לֶעבְּן, עֶס אִיז פּוּנְקְט גוּט גֶעוֶוען צוּ מַאכְן נִסְיוֹנוֹת.

אַ תַּלְמִידָה דֶערְצֵיילְט, זִי גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין אִיר לֶעבְּן, זִי קוּמְט פוּן אַ סְקוּל וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט דִי תַּלְמִידוֹת חוּמָשׁ אוּן תוֹרוֹת, זִי דֶערְצֵיילְט זִי פְּלֶעגְט זִיצְן פַּארְטְרַאכְט קוּקְנְדִיג אוֹיפְ׳ן לֶערֶערִין, אִיר קָאפּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין קְלַאס, וֶוען זִי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין ׳בֵּית פֵּיגָא׳ הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, וֶוען אִיר קָאפּ פְלִיט אַוֶועק, פוּן דֶעם רֶעדְט דִי טִיטְשֶׁער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִי הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן ׳הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט וְכוּ׳׳ – הֵייבְּט דִי לֶערֶערִין אָן רֶעדְן פוּן דֶעם, זִי הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן ׳לִיבְּשַׁאפְט׳ – הֵייבְּט דִי לֶערֶערִין אָן רֶעדְן פוּן דֶעם, זִי זָאגְט: דִי טִיטְשֶׁער שְׁמוּעֶסְט פוּן אַלֶע סָארְט זַאכְן פוּן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אַז מֶען קֶען עֶס הָאבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט צוּזַאמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען פִירְט אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן – דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת דַארְף עֶס זַיין אוֹיף אַ רוּאִיגֶע וֶועג, אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג; וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן הֲלָכָה וְכַדוֹמֶה נוּצְט מֶען דֶעם שְׁפְּרַאךְ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַזוֹי, עֶס אִיז גוּט וֶוען מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל", מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין אוּן אַזוֹי וֶועט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי.

### ווי בֶּענְזְשֶׁעמִין פְּרֶענְקְלִין?!...

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דִי לֶערֶערִינְס, בִּפְרַט פוּן דִי עֶלְטֶערֶע קְלַאסְן, זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידוֹת פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; בַּיי אוּנְז אִיז דָאס זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן וֶועלְן דִי מֵיידְלֶעךְ זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן שֶׁערְן דִי הָאר.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ כַּלָה, זִי אִיז מִיר צוּגֶעקוּמֶען זָאגְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט בַּאוַוייזְן זִיךְ צוּ לָאזְן אָפְּשֶׁערְן מַיין הָאר", הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: "אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט - קֶענְסְטוּ נִישְׁט, מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט צְווִינְגֶען"; דָאס הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט פְּרִיוַואט, פְּרִיוַואט אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע לִימוּד וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער וֶוען מֶען רֶעדְט בִּכְלָלִיוּת, וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט פַאר דִי גַאנְצֶע קְלַאס צוּזַאמֶען, דַארְף

זי יָא רֶעדְן פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אַ לֶערֶערִין דַארְף רֶעדְן וָואס 'שֵׁיין' אִיז, וָואס 'גוּט' אִיז, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס אִיז שֵׁיין - דָאס אִיז שֵׁיין, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס אִיז גוּט - דָאס אִיז גוּט. וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ פְּרִיוַואט זָאגְט מֶען נִישְׁט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ", אָבֶּער בָּרַבִּים, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַלֶע מֵיידְלֶעךְ קֶען מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, וִוי מֶען שְׁפָּארְט זִיךְ אַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', רֶעדְט אַסַאךְ פוּן פָּאלְגְן צַדִיקִים, צַדִיקִים זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז גוּט, זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז שֵׁיין, זֵיי וֵוייסְן פוּן וָואס צָרוֹת קוּמֶען, מִיר קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט זֶען וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת אָדֶער גֵייט מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, אָבֶּער דִי צַדִיקִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וָואס פַּאסִירְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, וִויפִיל צָרוֹת עֶר שְׁפָּארְט זִיךְ אַיין. אִיךְ גֶעבּ אַלְץ דֶעם מָשָׁל פוּן אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, וֶוען אַ קְלֵיין קִינְד ווִיל זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְדֶערְהֵיים מִיט פֵייעֶר קוּמְט דִי מַאמֶע

און נֶעמְט עֶס שְׁנֶעל אַוֶועק פוּנֶעם קִינְד, דָאס קִינְד פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט אַז דָאס אִיז שֶׁעדְלִיךְ, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי מַאמֶע אוּן שְׁרֵייט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ עֶס אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן מִיר?!" עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין אַז דָאס אִיז אַ סַכָּנָה. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט צְנִיעוּת, מִיט שֶׁערְן דִי הָאר; מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס אִיז שְׁלֶעכְט וֶוען מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי, אָבֶער דִי צַדִיקִים זֵיי הָאבְּן אַלֶעס גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אַזוֹי אָנְגֶעטוּן.

אַ פְרוֹי דֶערְצֵיילְט מִיר זִי הָאט גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעשׁוֹירְן - הָאבְּן שֵׁיינֶע הָאר", הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זֶען וָואס הָאר אִיז, מֶען וֶועט זֶען אַז הָאר אִיז לַאנְגֶע וֶוערֶעם, הָאר אִיז לַאנְגֶע שְׁלֶענְג; וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט בַּייטְן דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז נַארִישׁ אַזוֹי צוּ רֶעדְן, דָאס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַז שֶׁערְן דִי הָאר אִיז אַ שְׁטְרָאף, אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ. אִיךְ בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס אִיר זָאלְט זָאגְן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ לִיבּ

האבן די וועג ווי אזוי דער איבערשטער וויל מען זאל גיין אנגעטון, ווייל די וועג ווי אזוי דער איבערשטער וויל מען זאל גיין אנגעטון - דאס איז שיין.

א פרוי האט מיר דערציילט, זי איז אריינגעגאנגען צו מוהרא"ש זכרונו לברכה אלס כלה און געזאגט פאר מוהרא"ש זי האט נישט ליב א בארד, זי וויל איר מאן זאל גיין אן א בארד, האט מוהרא"ש ארויסגענומען א הונדערטער און איר געפרעגט: "דו ווילסט דיין מאן זאל אויסקוקן ווי דעם בילד? ווילסט דיין מאן זאל אויסקוקן ווי בענזשעמין פרענקלין?!; פעך!" - זאגט איר מוהרא"ש, דאן האט זי אנגעהויבן טראכטן 'איך וויל שוין יא מיין מאן און מיינע קינדער זאלן גיין מיט א בארד אזוי ווי דער איבערשטער וויל', דאס איז די וועג ווי אזוי מען דארף רעדן צו קינדער, איך רעד כסדר אזוי צו די בחורים, עס זענען דא בחורים וואס זיי ווילן זייער ווייב זאלן גיין מיט די אייגענע האר השם ישמרינו, זאג איך זיי: "פארוואס דארפסטו עס, דו דארפסט לייז... דארפסט אלטע ווייסע לייזיגע האר...?!"

דאס דארף מען שיין אריינלייגן אין די קינדער, זיי זאלן אויפוואקסן ליב האבנדיג וואס דער איבערשטער האט ליב; מען דארף אנהייבן צו רעדן דערפון נאך ביי

די יונגערע מיידלעך, ווייל ביי עלטערע קען זיין זיי האבן שוין אפגעמאכט וואס זיי ווילן, אבער ביי די יונגערע מיידלעך קען מען עס נאך פועל'ן.

## דאס שיינקייט פון א אידישע לעבן

אויך דארפן די לערערינס ארויסברענגען פאר די תלמידות דאס שיינקייט פון א אידישע לעבן; א אידישע לעבן איז פריוואט און באשיידן, עס זענען דא מענטשן וואס זייער גאנצע לעבן איז נאר כדי צו ווייזן פאר אנדערע זייער לעבן... איך האב געזאגט צום פאטאגראפירער וואס מאכט די בילדער ביי די חתונות אין ישיבה: "קענסט מאכן א 'חתן כלה' בילד אבער מאך נאר איידעלע בילדער, בילדער וואס מען וועט קענען ווייזן פאר די קינדער"; פאר וועמען וועסטו ווייזן די בילדער פון 'יחוד שטיבל'? פאר דיינע חבר'טעס? דאס איז דאך מנוולות! פארוואס דארפסטו די אלע בילדער? – צו מאכן בויך ווי פאר אנדערע זיי זאלן מיינען אז דו האסט לעבן?!

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וויפִיל יָאר אִיר וֶועט טִיטשְׁעֶן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וויפִיל כֹּחַ אִיר וֶועט הָאבְּן דֶערְצוּ, אָבֶּער דִי פָּאר יָאר וָואס אִיר הֶעלְפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט; יֶעדֶע שְׁמֵייכְל, יֶעדֶע גוּטֶע וָוארְט, יֶעדֶע רֶעדְן שֵׁיין וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר אַ קִינְד – וֶועט עֶנְק בַּאגְלֵייטְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער.

אַייעֶר זְכוּת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן כֹּחַ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, אָמֵן.

## קוּרְצֶע 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת' וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מְחַנְכוֹת

שְׁאֵלָה: וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מֵיידְל וָואס קוּמְט שְׁטֶענְדִיג מִיט נִישְׁט נָארְמַאלֶע רִיסֶעס, מִיט טֵייעֶרֶע עֶסְן וְכַדוֹמֶה, וָואס רֵייצְט אָן אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ עֶס נָאכְצוּמַאכְן?

תְּשׁוּבָה: מֶען זָאל זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט פַאר דִי מַאמֶע אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע סָארְט רִיסֶעס אִין

סְקוּל וַוייל דָאס מַאכְט אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אִיר וֶועלְן נָאכְמַאכְן, אוּן אוֹיבּ זִי וֶועט וַוייטֶער בְּרֶענְגֶען אַזֶעלְכֶע רִיסֶעס וֶועט מֶען דָאס דַארְפְן צוּנֶעמֶען פוּן אִיר.

שְׁאֵלָה: וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מֵיידְל וָואס אִיז אַ גַאנְצְן טָאג מִיד?

תְּשׁוּבָה: דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אִין שְׁטֶעטְל, 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב' - לִיבֶּערְטִי, אַ מֵיידְל אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין קְלַאס, קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דָאס מֵיידְל שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶענוּג אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דֶער טַאטֶע אַז זַיין טָאכְטֶער שְׁלָאפְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין קְלַאס[1], זִי שְׁלָאפְט אַיין יֶעדְן טָאג בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען, אֶפְשָׁר שְׁלָאפְט זִי נִישְׁט גֶענוּג אִינְדֶערְהֵיים; הָאט מִיר דֶער טַאטֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אִינְדֶערְהֵיים שְׁלָאפְט זִי גַאנְצֶע צְוֶועלְף שָׁעָה, הָאבּ אִיךְ

[1] בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן צוּ זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְ'ן מוֹסָד.

דַיין טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ' אִיז זֵייעֶר אַ טֵייעֶר קִינְד, אָבֶּער זִי שְׁלָאפְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין קְלַאס; מַמָּשׁ יֶעדְן טָאג שְׁלָאפְט זִי אַיין בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען. אֶפְשָׁר שְׁלָאפְט זִי נִישְׁט גֶענוּג? אֶפְשָׁר דַארְף זִי מֶער שְׁלָאפְן, אָדֶער אֶפְשָׁר פֶעלְט אִיר מִינֶערַאלְן; עֶס אִיז ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט עֶס בּוֹדֶק זַיין וַוייל עֶס אִיז אַ שָׁאד זִי זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶערוּט.

זִי וֶוערְט נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן אִין כִּיתָּה פוּן דֶעם; מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִיר נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן מִיט דֶעם. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן אִיר לָאזְן שְׁלָאפְן, וַוייל זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט, זִי אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד.

אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִיר נֶעמֶען צוּ אַ דָאקְטֶער בּוֹדֵק זַיין צִי עֶס פֶעלְט אִיר מִינֶערַאלְן. אָבֶער ווִילַאנְג דִי מֵיידְל שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי קְלַאס טָאר מֶען אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, מֶען דַארְף אִיר לָאזְן שְׁלָאפְן, מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זֶען אַז זִי זָאל גֵיין שְׁלָאפְן צֵייטְלֶעךְ; ווִילַאנְג אַ קִינְד שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי קְלַאס דַארְף מֶען אִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן, נָאר רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זֶען צִי אַלֶעס אִיז מְסוּדָר מִיטְ׳ן קִינְד, אוּן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט צוּ זֵיי.

מִיר קֶענֶען נָאר אַרַיינְנֶעמֶען אַ קִינְד אִין סְקוּל אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן אוֹיךְ זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי אַרְבֶּעט, אָבֶער אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן לָאזְן הֶפְקֵר זֵייעֶר קִינְד דַאן קֶענֶען מִיר נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען זֵייעֶר קִינְד. מַיין טָאכְטֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, מֵיידְלֶעךְ פוּן אַ מִשְׁפָּחָה הַאלְטְן אִין אֵיין דֶערְצֵיילְן אִין סְקוּל אַז זֵיי קוּקְן אוֹיף זֵייעֶר טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳, הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיווּ[2] פַאר דֶעם טַאטְן: ״עֶס אִיז אַ

---

[2] בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ, יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? וָואס הֶערְט זִיךְ? אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע סִיּוּמִים, אִיךְ פְלֶעג זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ זַיין.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר; עֶס אִיז אַ שָׁאד זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן מָאוִוי״ס, זֵיי דֶערְצֵיילְן אִין סְקוּל אַז זֵיי קוּקְן אוֹיף

שָׁאד אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן מָאוִוי״ס, יֶעצְט אִיז אֶפְשָׁר גְרִינְגֶער זֵיי שְׁטִיל צוּ מַאכְן מִיט דֶעם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶער וָואס וֶועט זַיין וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן? דֶעמָאלְט וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי״, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט צוּרִיקְגֶעהֶערְט פוּן אִים, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס, אָדֶער הָאט עֶר זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט פוּן מִיר אוּן עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַרוּם וֶועט עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער פוּן דָא... אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ כַאפְּן וָואס פַאר אַ עַוְלָה עֶר טוּט מִיט׳ן וַוייזְן מָאוִוי״ס פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן וֶועט עֶס פַארְרֶעכְטְן, עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן דָאס צוּ טוּן; וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ אַ בְּרִיוו פַאר אֵיינֶעם הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, אִיךְ וִויל נָאר יֶענֶעמְ׳ס טוֹבָה, עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער.

**שְׁאֵלָה:** הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: ״מֶען טָאר נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן״ וְכַדוֹמֶה, הֵייסְט דָאס טְשֶׁעפֶּען אָדֶער פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד?

---

זֵייעֶר טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳. זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נְשָׁמָה׳דִיג אוּן הַארְצִיג, יוּנְגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ; יֶעצְט אִיז אֶפְשָׁר גְרִינְגֶער זֵיי שְׁטִיל צוּ מַאכְן מִיט דֶעם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶער וָואס וֶועט זַיין וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן? דֶעמָאלְט וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר וַוייל אִיךְ וִויל דַיין טוֹבָה.

תְּשׁוּבָה: אִיךְ זֶע אִיר זֶענְט אַזוֹי פָּארְזִיכְטִיג, אִיר מֵיינְט שׁוֹין אַז יֶעדֶע זַאךְ הֵייסְט 'טְשֶׁעפֶּען', יֶעדֶע זַאךְ הֵייסְט 'פַּארְשֶׁעמֶען'; אַ לֶערֶערִין קוּמְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶענְדִיג אִין אָפִּיס אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זִי הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן פַּאר דִי מֵיידְלֶעךְ "זַייט שְׁטִיל", זִי הָאט מוֹרָא אַז זִי פַּארְשֶׁעמְט... אִיךְ וִויל אַייךְ פְּרֶעגְן "אִיר הֶערְט נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה? וִויפִיל מָאל זָאג אִיךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר!" מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט אוֹיךְ קֶענֶען פְּרֶעגְן בַּיים שִׁיעוּר: "פַּארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, בִּיסְט גֶעקוּמֶען שְׁלָאפְן דָא?!"; פוּן זָאגְן פַּאר קִינְדֶער נִישְׁט רֶעדְן אִין קְלַאס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּלְד גֶעפִילְן, וַוייל דָאס אַלֵיינְס בּוֹיט זֵיי אוֹיף, זֵיי גֵייעֶן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן דָאס נָאכְזָאגְן, 'טְשֶׁעפֶּען' מֵיינְט מֶען וֶוען מֶען זָאגְט פַּאר קִינְדֶער 'מְשׁוּגָענֶער' אָדֶער אַנְדֶערֶע מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, 'וֵויי טוּן' מֵיינְט וֶוען מֶען זָאגְט פַּאר אַ קִינְד 'פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין', אַזֶעלְכֶע שֶׁעדְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער זָאגְן פַּאר אַ קִינְד 'נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן קְלַאס' – דָאס אִיז חִינוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֵה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א
וזוגתו

## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**